# אין געריכט.

פיהרט אריין די אָנגעקלאָגטע, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצענדער.

דער געריכטס־זאַל איז געווען געפּאַקט. מיט דעם פּראָצעס האָט מען זיך אינטערעסירט און וועגען דער פאַרברעכערין, א יונג מיידעל, וועלכע אַלע אין שטאָדט האָבען געקענט, האָט פיעל גערעדט. אריינגעלאָזען אין זאַל האָט מען מיט בילעטען, אזא גרויסער עולם האָט געוואָלט ביייוואוינען דעם פּראָצעס. אביסעל מאָדנע איז געווען דאָס, וואס דער עולם איז מעהרסטענס באשטאַנען פון דאמען, על פי רוב יונגע, אין עלעגאנטע, טייערע טואלעטען — פונקט ווי זיי וואָלטען אויף א פאָרשטעלונג אין טעאטער געקומען. עס זיינען געווען אויך א סך אפּיציערען.

נאָכדעם ווי דער פּאָרזיצענדער האָט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער, איז די אויפמערקזאמקייט געווארען געשפּאַנטער, און מען האָט אויסגעדרעהט די קעפּ צום טיר. די אלטע, פארשטויבטע טירען האָבען זיך געעפענט און די אָנגעקלאָגט איז אריין.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין גרויע ארעסטאנטען קליידער, איז געווען בלייך, אויסגעמאָגערט, אבער א סך האָבען געזאָגט, אז זי איז א דאנק דעם, נאָך אפשר שעהנער געווארען. צוויי סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען האָבען זי ארומגערינגעלט פון ביידע זייטען. זי איז אריין. א שטראהל האָט זיך אריינגעריסען אין די פאַרשטויבטע פענסטער, וועלכע מען האָט אפשר א יאהר דריי ניט געוואשען, און איז געפאלען אויף איהרע רויטליכע האָר, פיעל האָבען עס באמערקט, און אין זאַל האָט זיך דורכגעטראָגען א שטיל, צופריעדען פליסטערן, אזוי, אז דער פּראָקוראָר האָט פאַרוואונדערט דעם קאָפּ אויפגעהויבען.



אזוי איז געשטאַנען פאַר'ן מענשליכען געריכט די באַריהמטע טאַנקאַ־טיגער, וועלכע איז באשולדיגט געווארען אין ערמאָרדען איהר קינד.

דאָס מיידעל האָט ניט געקוקט אויפ'ן פּובליקום, פּונקט ווי אין זאַל וואָלט קיינער ניט געווען. זי האָט געקוקט אויף די ריכטער, האָט שטרענג און פּשוט געענטפערט אויף די פראגען. איהר שטים איז געווען קלאָר. זי איז, ווייזט אויס, געווען גאַנץ רוהיג.

— אייער נאָמען? — האָט דער פאַרזיצענדער געפרעגט.

— חנה, — האָט דאָס מיידעל געענטפערט.

— די פאמיליע?

— ראבינאוויטש.

אין זאַל האָט זיך ווידער דורכגעטראגען א פליסטערן — ווי א ווינט צווישען די בלעטער פון די בוימער: הייסט עס, אז די שעהנע דאמע, מיט וועלכע די „גאָלדענע" יונגווארג פון שטערטעל פלעגט לעבען א טאג, איז גאר א אידיש קינד! דאָס האָט קיינער ניט חושד געווען.

— מען רופט מיך אויך טאנקא־טיגער — האָט די אנגעקלאָגטע געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע.

דער פארזיצענדער איז אביסעל אונרוהיג געווארען. האָט א קוק געטאָן אויף איהר און שארף געזאָגט:

— מיר דארפען עס נישט וויסען.

ווייטער האָבען זיך אָנגעהויבען די געוועהנליכע פראגען: וועגען עלטער, גלויבען, א. ז. וו.

די אָנגעקלאָגטע האָט געענטפערט. דערנאָך האָט מען לאנג און איינטאָניג געלייענט דעם באשולדיגונגס אקט. דער תמצית איז געווען, אז חנה ראבינאוויטש, א מיידעל, 24 יאהר אלט, האָט אין דער נאכט פון דעם 16טען פעברואר, יאהר ...19, ערמאָרדעט איהר טאָכטער, דריי טעג אלט, און דעם גוף באהאלטען אין קעלער. אמת, אלע האָבען סיי ווי געוואוסט, אין וואס חנה־טאנקא ווערט באשולדיגט.

די אָנגעקלאָגטע אליין האָט עס אויך געוואוסט. און דאָך, מיט א מאָדנער אויפרעגונג האָט זי אויסגעהערט דעם טרוקענעם רע־

פאָרט פון איהר פארברעכען, געלייענט מיט א טויטער, גלייכגילטיגער שטים. פאר איהר אבער, האָבען די טרוקענע בלעטער געלעבט. זי האָט ווידער און ווידער געזעהן פאר זיך די שרעקליכע טעג, וועלכע זיינען שוין האלב פארגעסען געוואָרען און איצט איז פאר אלעמען לעבעדיג געוואָרען איהר פארגאנגענהייט, אלע האָבען זיך וועגען דער פארגאנגענהייט דערוואוסט, אלע האָבען זי דערזעהן.

„. . . דעם 13טען פעברואר ווען זי האָט געבוירען אן אונגעזעצליך קינד פון ווייבליכען געשלעכט, — האָט דער סעקרעטער געלייענט, האָט חנה ראבינאוויטש, וואס איז דעמאָלט געווען ביי איהר מוהמען"...

דאָס מיידעל האָט זיך דערמאָנט אן דער פיין און מאטערניש פון יענע טעג, אן דעם קאלטען זומער, דער בייזער מוהמע, וועלכע מען האָט געדארפט צאָהלען אזוי פיעל געלד, זיך דערמאָנט אָן דעם קינד'ס פנים'ל. טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין די אויגען, די ליפען האָבען א ציטער געטאָן.

— זייט איהר זיך מודה אין אייער שולד? — האָט דער פארזיצענדער געפרעגט, נאָכדעם ווי מען האָט דורכגעלייענט דעם באשולדיגונגס־אקט. אלע האָבען אָנגעשטעלט די אויגען אויף טאנקא־טיגער. די ראמען האָבען אפילו בינאָקלען אויך אָנגעשטעלט.

דאָס מיידעל האָט אראפגעלאָזט דעם שעהנעם קאָפּ, עס האָט זיך געדאכט, אז זי האָט אָנגעשטרענגט געטראכט, עס איז אוועק א מינוט, איידער זי האָט געענטפערט.

— ניין, איך בין ניט מודה.

— זיצט, — האָט געזאָגט דער פארזיצענדער. די עדות האָבען אין אלגעמיין אלע געזאָגט איינס און דאָסזעלבע, און דאָס בילד איז גאנץ קלאָר געווען. טאנקא־טיגער האָט געפיהרט א פרעהליך לעבען, גוט געגעסען, גוט געטרונקען, און א סך געלד פארשווענדט מיט יונגע לייט. דערנאָך איז זי שוואנגער געוואָרען און א קינד געהאט. דערנאָך איז דאָס קינד פארשוואונדען און דאָס טויטע עופ'עלע האָט מען געפונען אין קעלער. די מעדיצינישע



אויספארשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז דאָס מיידעלע איז דערשטיקט געוואָרען.

ס'האָט גערעדט דער פראָקוראָר. ער איז געווען א מענש מיט ערפאהרונג און האָט זיין רעדע געלונגען אויפגעבויט: חנה ראבינאָוויטש איז א פארברעכערין. זי האָט נאָר איין זאך אין זינען: פארגעניגען, געלד, וויין. פאר אזעלכע געפאלענע איז א קינד בלויז א שטערונג. געוויס האָט קיינער גיט געזעהן, ווי זי האָט דאָס מיידעלע געשטיקט, נאָר ווער דען האָט געדארפט דעם טויט פון דעם קינד? קיין צווייפעל ניט, אז זי איז די שולדיגע. מען מוז זי דעריבער הארב באשטראפען.

דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבען דער פארטיידיגער און גערעדט לאנג און זעהר שעהן. ער האָט געבעטען די ריכטער, זיי זאָלען אין זינען האָבען, אז דאָס מיידעל איז אונערפאהרען. און ווער אייגענטליך האָט זי דערבראכט צו אזא לעבען? די געזעלשאפט. ווער איז שולדיג אין איהר פארברעכען? ווידער די געזעלשאפט. מיר וועלען משפּט'ן, אזוי צו זאגען, זיך אליין, דעריבער דארף מען חנה־טאנקען ניט פאראורטיילען און לאָזען זי פריי געהן.

די רעדע האָט ביי פיעל נושא חן געווען, באזונדערס ביי די דאמען — ווייל דער אדוואקאט איז געווען יונג, עלעגאנט און געטראגען האָט ער א נוטגענעהטען פראק. די שטימונג אין זאל איז איצט געווען אויפ'ן צד פון דער אנגעקלאגטער. עס האָט זיך געפיהלט, אז דער פארטיידיגער האָט געטראָפען אין סאמען תוך, און די הערצען פון דער רזשורי האָבען א טראכט געטאָן, אז, טאקע, ווער האָט עס געזעהן, ווי חנה האָט דערווארגען איהר קינד.

דער פארזיצענדער האָט געזאָגט צום מיידעל:

— אייער לעצט ווארט!

אלע האָבען געמיינט, אז חנה וועט זאגען א צוויי דריי ווערטער, אז זי איז אונשולדיג. אפשר וועט זי זיך צעוויינען. אָבער זי האָט גאָר אָנגעהויבען רעדען שארף, הארט, און דער טאָן האָט באלד צושטערט די נאָר־וואָס געשאפענע אטמאָספערע פון גוטוויליגקייט צו איהר.

— הערר ריכטער! דער הערר אין פראק האָט געזאָגט: איך בין נישט שולדיג! שולדיג איז די געזעלשאפט. עס איז א ליגען! איך בין שולדיג, וואס איך בין אזא; איך האָב געהאט א גוטען פאָטער, אן עהרליכע מוטער, אבער איך האָב ניט געוואלט ארבייטען. דער פראקוראר האָט געזאָגט: איך האָב ליעב געהאט צו לעבען א גוטען טאָג. דאָס איז אמת. פאר וואס איך בין אזא, ווייס איך ניט. נאָר קיינער איז אין דעם ניט שולדיג. בלויז איך.

— אבער ווייטער איז געוועזן ניט ריכטיג וואס דער פּראָקוראָר האָט געזאָגט. ער האָט געזאָגט: אזעלכע ווי איך ליעבען ניט קיין קינדער. די קינדער לאזען זיי ניט פיהרען א פרעהליך לעבען. דעריבער, האָט ער געזאָגט, האָב איך געטויט מיין קינד.

— קיינער האָט עס ניט געזעהן, און פריהער האָב איך ערקלערט, אז דאָס איז א ליגען. אָבער איצט וויל איך זאָגען: יאָ, איך האָב דערווארגען מיין קינד.

דער אדוואָקאט האָט געמאכט א באוועגונג, דער פארזיצענדער פון געריכט האָט געזאָגט:

— בארוהיגט זיך, איהר וועט דערנאָך דערצעהלען.

דאָס מיידעל האָט פארטגעזעצט:

— איך בין רוהיג און איך וויל ערקלערען דעם פּראָקוראָר, אז דאָס וואס ער האָט געזאָגט איז ליגען, איך האָב געפיהרט א פרעהליך לעבען, אמת, און איך ווייס אפילו ניט, ווער אייגענטליך איז דער פאָטער פון דעם אונגליקליכען קינד. אפשר זיצט דער פאָטער גאר דאָ אין זאַל, — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט, באטראַכטענדיג די אויסגעפּוצטע מענער צווישען דעם עולם. — און דער פאָטער ווייסט אויך ניט, צי ער איז עס. אבער דאָס איז אלץ איינס — האָט טאנקא ווייטער גערעדט.

— וואָלט ער נאָך געוועזן א אינגעל, וואלט איך איהם ניט ערמאָרדעט. אָה, ניין! — די שטימע פונ'ם רויט מיידעל האָט איצט קלאָר געקלונגען. — אז איך האָב דערפיהלט, איך בין שוואנגער, האָב איך גענומען בעטען ביי גאָט: „גאָט, זאָל עס נאָר ניט זיין קיין מיידעל. גאָט, זאָל עס זיין א אינגעל.‟ ווייל א זוהן



פון אזא פרוי, ווי איך, קען לעבען. ער וואלט אוועק פון מיר, ער וואלט אוועקגעפאָהרען, כדי מיך, זיין מוטער ניט צו זעהן און וואָלט געווען אן עהרליכער מאן. א מאן וואָלט ניט פארפאלען געווארען. אבער א פראסטיטוטקע'ס א טאָכטער, הערר ריכטער, איז אליין אויך שטענדיג א פראסטיטוטקע. וואו איך וואלט זי ניט באהאלטען, ווּעמען איך וואָלט זי ניט אָנגעטרויט, — דאָס שלעכטע בלוט וואלט מען שוין דערקענט דערנאָך, א גאסען פרוי'ס א טאכטער איז אליין אויך שטענדיג א גאסען פרוי...

— אזוי האָב איך גאָט געבעטען, אז ער זאָל זיך אויף מיר דערבארעמען, אָבער עס איז געבוירען געווארען א מיידעלע. דריי טעג האָב איך געווארט, ביז איך וועל זיך דערפיהלען שטארק גענוג, איך האָב ניט לאנג געטראכט. איך האָב געוואוסט וואס איך האָב צו טאָן. איך האָב ניט געוואלט, אז מיין טאָכטער זאָל זיין א פראסטיטוטקע. איך האָב זי' דערווארגען — דאָס אלץ.

די דזשורי האָט זיך לאנג בעראטען. חנה ראבינאָוויטש איז געפונען געווארען שולדיג, אבער מען האָט איהר געוויזען חסד: מ'האָט זי אוועקגעשיקט אויף קאטאָרגע אויף 8 יאהר.

זי האָט רוהיג אויסגעהערט דעם אורטייל.